„Radomer-Kielcer Leben" 37 (327) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 19 Września 1930 r.

ראַדאָם, פרייטאָג כ"ו אלול תר"צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פרייז:

| | | |
|---|---|---|
| אין מילימעטער שורה: | פאַרן טעקסט | 40 גר. |
| " " " | אין " | 60 " |
| " " " | נאָכ'ן " | 25 " |

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 "

Z intencji zaręczyn mojego brata
Abrama z p. Genią Leserówną
życzę im różowe przyszłości i harmonji dusz
*Regina.*

Genia Leserówna Abram Borensztejn
Zaręczeni
Radom 14 Września 1930

צו די תנאים פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
א ב ר ה ם ח י י ם מיט זיין אויסדערוועהלטע
פר"ל ג נ ע נ ד ע ל ל ע פ ע ר
ווינשען מיר זיי א גליקליכען צוזאַמענבונד
און אייביגע צופרידענהייט
זלמן עט פרוי און קינדער באַרענשטיין.

איך דריק אויס פיעל דאנק מיין ווירט ה' י ש ר א ל ש ל י א מ אָ ו י ט ש
וועלכער איז זעהר בעליעבט ביי זיינע לאָקאַטאַרען ווי איך אלס געזעל-
שאַפטליכער טהוער, פאַר זיין בעמיהען זיך צוריק אויפצוהענגען די שילד
„פאָטאָקאָל" אין זיין הויז.
ש. מ. שטיער
פערטרעטער פון פירמע „פאָטאָקאָל", קעלץ.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם
ה' מאיר פינקעלשטיין
צו די תנאים פון זיין ט א כ ט ע ר
ער זאָל דערלעבען אין נחת וברחבה ביז'ן יונגסטען.
יצחק מענדעל צוקער שו"ב, שמריהו חיים בערמאַן שו"ב.
יוסף דוד שייעוויטש מנקר.

מזל - טוב לך חבר
פ נ ח ס לנשואיך את בחירת לבך העלמה ש ר ה ל א ה
יהי רצון שתהא דרכך סוגה בשושנים ותבוה ביתך
על הרי יהודה וירושלים ברות ישראל סבא.
שמואל חייִנטרויב.

Dr. I. KLEINBERGER
ul. Długa 26
specjalista chorób uszu, nosa i gardła
POWRÓCIŁ.

ראַדאָמער יודען!!
צי ווייסט איהר דאָס אייער בן-עיר
שמעון ווייצהענדלער האט
א ערשטקלאַסיגען באַר
BAR ALA MINUTE איז ווארשא
שוו. קרשיסקע № 43 (נעבען מאַרשאַלקאָווסקי) טעל. 341-43
וועלכער איז בערימט מיט פרישע געשמאַקע שפייזען
צו מיטאָגס און אָוונד-ברויט
צו מעסיגע פרייזען
און האָט זיך ערוואָרבען די שענסטע און אינטעליגענטסטע קאָנסומענטען.
געדענקט אז איהר פאָרט נאָך ווארשא צו בעזוכען מיין באַר
וואו איהר וועט חעכסט צופרידען זיין
מיט אַכטונג אייער בן-עיר
שמעון ווייצהענדלער.

אלע אונזערע קליענטען און פריינד ווינשען מיר
אַ כתיבה וחתימה טובה און א גליקליך יאָהר
גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז מיר האָבען בעשלאָסען צו שפענדען 10%
פון דעם דעטאַל-פערקויף לטובת דעם שוהל-רעמאָנט. דערביי זענען די
פרייזען פון אונזערע ארטיקלען בעדייטענד ביליגער ווי שטענדיג.
פירמע „ווינום" קעלץ.

עפענטליכער דאַנק.
אין נאָמען פון אַלע שוהל-מתפללים דריקען מיר אויס דעם טיפסטען
דאַנק, דער בעוואוסטער וויין-פאַבריק „ווינום" אין קעלץ
פאַר איהר שענעם טהאַט פון שפענדען 10% פון דעטאַל לייזונג לטובת
בדק הבית. זאָל דאָס זיין א מוסטער פאַר אנדערע יודישע פירמעס.
גבאים און קאָמיטעט
פון דער גרויסער שוהל אין קעלץ.

Zajęcia w godzinach popołudn.
w zakresie buchalterji za małem wynadgrodzeniem
poszukuje rutynowana buchalterka miejscowego banku
Oferty proszę kierować do redakcji pod „Tanio".

LEK.-DENT.
R. BANKIER-DEN
POWRÓCIŁA
*Przyjmuje* Warszawska № 9
od 10—1 i od 3—7

# ווארשא און די פראווינץ.

ווי נאר ס'האט אויסגעדונערט מיט מאהלען, האבען מיר באלד אויסגעשטעלט די אויגען צו ווארשא: וואס הערט מען עפעס פון דארטען אונז זאגען? און מיר האבען גארנישט געפרובט טראכטען, אז מיר אליין. די פראווינץ, האבען אויך א שייכות צו די וואהלען.

די פראווינץ איז, אזוי צו זאגען, די צושטעלערקע פון פאליטישען רויה־שטאף, און די רעזידענץ איז דער ווארשטאט, וואו אט דער רוישטאף ווערט אויסגעארבייט צום געברויך, דערביי פאדערען אבער די „בעלי־מל־אכות" א צו טייערען פרייז פאר דער אויסארבייטונג.

דאס לעבען פון די מאסען, וואס וועבט זיך אין דער פראווינץ, בעקומט אין ווארשא זיין אויספארמונג און רעגולירונג. מיר דא זענען די שאפערס און פערברויכערס פון אלע ווערטען, די עקס־ און אימפארטירערס פון כלערליי סחורות, די שאפערס. פערשפרייטערס און בעניצערס פון פאלקס־קולטור און בילדונג. ווארשא אבער דיקטירט אונז ווי, ווען און וואס צו ארבייטען, וויפיעל אוועקצוגעבען דער מלוכה, ווי אזוי צו בעהאנדלען אונזערע ארבייטער און אנגעשטעלטע און אזוי כסדר.

מיר זענען די ארמעע און ווארשא דער קאמאנדיר.

ווארשא אבער קען אהן אונז גיכער נישט עקזיסטירען, ווי מיר אהן ווארשא. ווארשא קען פערביטען ווערען אויף לובלין, אויף קראקע; ווארשא קען אבער נישט קריגען קיין אנדער פוילען.

און דאך ווייזען מיר ארויס, ביי וואהלען, אזא מין אפהענגיגקייט פון ווארשא, אזא מין אומבעהאלפענקייט, פונקט ווי א זויג־קינד אהן דער ניאניע.

אמת איז, אז ווארשא איז מעהר איגפארמירט פאר אונז אין פרט פון פאליטישע קאמבינאציעס, פליאטקעס און אינטריגעס; אבער מיר קענען דאך מעהר דאס לעבען, מיר זענען דאך דאס לעבען אליין!

פארוואס קענען מיר זיך פון ארט נישט ריהרען אהן דעם ווארשאווער טייטעל?

דערמאנען מיר זיך, ווי אזוי ווארשא האט מיט אונז געקנעלט פאליטיק ביי די פאריגע וואהלען, ווי אזוי ס'זענען אראפגעקימען די מלמדים פון אלע פארטייען, אויסגעשפרייט פאר אונז די מאפעס מיט די דיאגראמעס און בעוויזען שווארץ אויף ווייס, אז נאר זייער שיטה איז די ריכטיגע.

אין די שיטות זענען געווען דיאמעטראל־קעגענגעזעצטע, פייער מיט וואסער, און דעם פשוט'ען אידען האט זיך געדוכט, אז דער אמת'ער וועג ליגט גאר אפשר ערגעץ אינמיטען צווישען ביידע שיטות. אבער ווער האט עס געהאט די העזה, אריינצוריקען זיין קאפ צווישען אזוינע „הרים גדולים" צווישען די סאמע ווארשאווער פאליטיקער?

און דער סוף איז געווען, אז ביידע שיטות האבען נישט געהאט קיין גרויס ערפאלג.

פונדעסטוועגען שטעהען מיר איצט ווידער קעגען זיי, ווי תלמידים פאר די רביים, מיר דערוועגען זיי נישט א פיפס צו טוהן, איידער זיי דארט, אין ווארשא, האבען אנגענומען בעשלוסען איבער אונזער גורל.

קיינעם פאלט גארנישט איין, אז דער יסוד פאר אלע וואהל־קאמביגאציעס דארף דאך זיין דאס לעבען פון די מאסען, דעצידירען דארפען דאך די אינטערעסען פון די מאסען, און דערין האבען מיר ניט בלויז א גרעסערע דעה פאר ווארשא, נאר טאקי א גרעסערע ידיעה.

און אפשר פאלט עס יא עמיצען איין, אבער אויך דא, אויף דער פראווינץ זענען דאך פאראהאן די תלמידים און חסידים פון די ווארשאווער גדולים וואס אויך ביי זיי שמעהט אין דער ערשטער ריית דער פרעסטיזש פון זיין פארטיי, פון זיין רבי'ן.

ווארט מען.

פ. ק.

LEKARZ D-r MED.

L. FASTMAN

specjalista chorób uszu, nosa i gardła
przeprowadził się z dniem 1 Sierpnia
na ulicę MARJACKĄ 12 (II piętro)

Biuro Prośb i Podań
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.
Informacje o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

# טאג־בוך
## פון א ראדאמער זעלבסטמערדער.

ווי איך האב שוין דערצעהלט אין מיין פריהערדיגען קאפיטעל, האט מען אינז אלע דריי: דעם אלטען אוקריינער, דעם איבערגעטהוענעם דענשטשיק פון פעטלורא'ס גענעראל און מיך, אנגענומען אלס שפיאנען פון פעטלורע'ס ארמעע. אין יענער צייט ווען איף דער וועלט האט געהערשט א פינסטערער בין־השמשות, ווען א ווילדער טייפון האט געבראכען און געשטירצט די יסודות פון אונזער ארים, זינדיג וועלטעל און דאס גאנצע לעבען איז אראב פון די רעלסען; אין א צייט ווען כאאס און בהלה האט אוועקגעריבט ביי די בעסטע מענשען זייערע רוה און גלייכגעוויכט און געמאכט אויפציטערען זייערע מוחות און הערצער פאר יעדען קלענסטען ספק, אדער פערדאכט — אין אזא מאמענט פון וועלט־אויפטרייסלונג האט מען מיט אונז נישט געוואלט מאכען לאנגע צערעמאניעס. ס'איז גענוג געווען דער קלענסטער צווייפעל, א ליאדע נישט־קלארקייט און מיר זאלען פער'משפט ווערען אויף טוידט.

וואס פאר א ראליע האבען דאן געשפיעלט דריי מענשליכע לעבענס, בשעת אזא גרויס־רוסלאנד איז געשטאנען אין די פלאמען פון דער רעוואלוציע און מענשען, אזוי פון דער רעוואלוציאנערער ארמעע און אויך פון דעם מיליטער פון דער קאנטער־רעוואלוציע זענען געפאלען ווי זאנגען אין שניט־צייט. מ'האט אונז צומאל נישט געוואלט אויסהערען. פאר די באלשעוויסטישע קאמיסארען איז גענוג זיכער אהן א וועלכער ס'איז אויספארשונג, אז מיר זענען געשיקט פון שונא אויסצושפירען זייערע מיליטערישע פאזיציעס. דער קלארסטער בעווייז אינז צו בעשולדיגען איז געווען דער דערשאסענער קערפער פון גענעראל, דעם געוועזענער ראדאמער ושאנזאמעריע־פאלקאווניק, וואס זיי האבען געפינען אין דער כאלופע פון אלטען אוקריינער, ארומגעוויקעלט אין א זאק. זיי האבען גלייך דערקענט, אלס זייערדיגען און זיך דערמאנט, אז דא נישט לאנג האבען זיי איהם אלס רויטער אפיצירער צוזאמען מיט א קאמפאניע באלשעוויסטיש מיליטער ארויסגעשיקט אלס פאר־פאסט אויסצושפירען פעטלורע'ס ארמעע און פון דעמאלט־אן האבען זיי איהם קיין מעהר נישט געזעהן. דער גענעראל, זייער אפיציר מיט די באלשעוויסטישע זעלנער זענען זינט דעמאלט פערשוואונדען געווארען און מ'האט נישט געוויסט וואו זייער געביין איז ערגיץ אהינגעקומען.

נאך אזא שווערע בעשולדיגונג האט דאס פעלד־געריכט אפילו א קלער נישט געטוהן. באלד אוים'ן צווייטען טאג בשעת מיר זענען געזעסען ארעסטירט אין א פינסטערער קאמער האט מען אונז אין א גרויסען בעגינען אריינגערופען אין פעלד־שטאב, וואו מ'האט אונז בלויז אויסגעליינט אונזער טוידט־אורטייל. עטליכע אפיצירען באלשעוויסטישע, זענען געזעסען מיט אנגעצויגענע שווייגענדיגע פנים'ער, אונז אנגעמאסטען מיט שפיזיגע בליקען, לויט וועלכער מיר האבען באלד דערקענט, אז מיר זענען אבגעקאכט און

## פראצעס פון בעאמטע מיט דער גמינע

ווי ס'איז געווען שוין מיטגעטיילט, האט די היינטיגע גמינע אבגעזאגט די בעאמטע רובינליכט, זילבערבערג, חייט און אבראמאוויטש פון זייערע פאסטענס, וועלכע זיי האבען פערנומען בעת דער פריהערדיגער גמינע.

די אבגעזאגטע בעאמטע, וועלכע האבען בעקומען קאנטראקטען פון דער פריהערדיגער גמינע זענען איינגעקומען אין ארבייט'ס-געריכט מיט א תביעה, אז די יעצטיגע גמינע זאל זיי אויסצאהלען געוויסע געלד-סומען אין דער פארם פון ענטשעדיגונג פאר א געוויסע צייט.

דער ערשטער פראצעס האט געזאלט פארקומען מיט'ן בעאמטען חייטזיין פראצעס איז געווען בעשטימט אויף עהערנעכטען מיטוואך. אבער ער איז נישט צושטאנד געקומען דערפאר, וואס די פארשטעהער פון דער היינטיגער גמינע האבען ערקלערט פאר'ן געריכט, אז זיי ווילען אויפגעבען נייע עדות. דער פראצעס איז דערום אבגעלעגט געווארען און וועט פארקומען א צווייט מאהל.

מצד ה' חייט זענען געקומען צין געריכט אלס עדות די ה"ה: יחיאל פרענקעל, ל. מייזעל.

ה' חייט שטעלט ארויס א געלד-תביעה פון קרוב 4000 זל.

## רוסישע טרופע אין ראדאם.

די אנדערע וואך וועט אין טעאטער „ראזמאיטאשצי" אויפטרעטען א רוסישע אפערעטען-טרופע אונטער דער אנפיהרונג און רעזשי פון אנדרעיעוו סטרעלסקי. אין די טעג דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג וועלען אויפגעפיהרט ווערען די מוזיקאלישע אפערעטען: „דער רוסישער ציגיינער-טאבאר", „טשארדאש פירשטין" און „די געהיימניס פון הארעם".

דאס רעפערטואר איז רייך מיט א שפע פון מוזיק, געזאנג, טענץ און גארדעראב.

## בעקאנטער פויל. ארטיסט קרוקאווסקי אין ראדאם

אין טעאטער „ראזמאיטאשצי" וועט היינטיגען זונטאג אויפטרעטען דער בעקאנטער ארטיסט פון קווי-פרא-קוואָ, קרוקאווסקי, וועלכער איז נישט ווייניגער ווי אין ווארשא אויך פאפולער אין ראדאם. קרוקאווסקי צייכענט זיך אויס מיט זיינע גלענצענדע מאנאלאגען און א זעלטען גוטען הומאר. צוזאמען מיט איהם שפיעלט א פיין-צוגעפאסטער ענסאמבל.

## פון „מזרחי" און „צעירי-מזרחי" אין ראדאם

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ווייזען אין ראדאם פון חשוב'ען ח' ברוך ניימאן (ב"ן), מיטגליעד פון צ. ק., וועלען פארקומען א רייהע בעראטונגען און פערזאמלונגען אויף וועלכע עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען די ווייטערדיגע טאקטיק און ריכטליניען פון „מזרחי" אויפ'ן געביעט פון דער אלגעמיינער פאליטיק און שטאדטישע ענינים.

* • *

שבת פ' נצבים (20|9) 3 א זייגער נ. מ. וועט דער ח' ב"ן האלטען א אינטערעסאנטען רעפעראט א. ד. ט. „אינזער חשבון-הנפש".

איינגאנג נור פאר מיטגליעדער פון „מזרחי" און „צעירי-מזרחי".

## ספארט. מכבי בעזיגט טור (וויערזשבניק) מיט 2:3

מיט'ן דאזיגען נצחון בלייבט מכבי אין קל. „א". צוליב מאנגעל אין פלאץ קומט א אויספיהרליכער בעריכט פון דעם מעטש די נעכסטע וואך.


בעקאנטמאכונג.

די דירעקציע פון גימנאזיום „פשיאטשול-זשידזי" אין ראדאם מאכט בעקאנט, אז די פאר-שולע PRZEDSZKOLE ווערט געעפענט דעם 1 פאזדזיערניק ה. ח.

די איינשרייבונגען אין דער פאר-שולע נעמט-אן די קאנצעלאריע פון גימנאזיום, קילינסקי 13 אין די שעה'ען פון 9 ביז 1 נ. מ.

האלא ראדאם, קעלץ!

דעם 20-ען ה. ח. ווערט געלאזט אין בעוועגונג א גרויסער אויטאבוס MARS

וועלכער וועט פערקעהרען אויף דער ליניע

ווארשא — ראדאם — קעלץ

פון ווארשא געהט אב „מ א ר ס" פון האטעל פאלסקי דלוגא 29 אין דער שעה 7.30 אוועגד און קומט קיין ראדאם 10.30 אוועגד.

פ ו ן ק ע ל ץ געהט אב 7.15 פריה און קומט קיין ראדאם 9.30 פריה.

דער אויטאבוס ווערט אנגעפיהרט פון אייגענטימער פינקעלשטיין

אלע בעקוועמליכקייטען און זארגפעלטיגע בעדינונג.

Kino-Teatr Dźwiękowy SWIT קלאנג-קינא

מאנטאג דעם 22-ען ה. ח

קומט ענדליך דער לאנג ערווארטעטער קלאנג-פילם

„דער דזשאז-זינגער"

דאס בילד איז די סענסאציע אין דער קלאנג-פילם-פראדוקציע, דער שלאגער איבער אלע שלאגערס און ווערט פעררעכענט אלס די פערל פון די לעצטע רעדעוודיגע פילמען.

אין דעם דאזיגען קלאנג-פילם זינגט דער כון גאט-געבענשטער פילם-סטאר אל זשאלסאן

כל נדרי.

דאס בילר בעגייסטערט יעדען צושויער און פערכאפט פשוט מיט זיין אינטערעסאנטען ריהרענדען אינהאלט.

דזשאז-זינגער, אל-זשאלסאן, כל-נדרי

דאס איז א סענסאציע איבער אלע סענסאציעס!

די איין-און-איינציגע בעשטעטיגטע דורכ'ן מיניסטעריום פאר קולטור און קונסט.

SZKOŁA MUZYCZNA w Radomiu, Zgodna 8 pod kier. P. GISSERA

מאכט בעקאנט, דאס די עגזאמענס און דאס פערשרייבען זיך פון נייע שילער און שילערינס פון די קלאסען: פידעל, פארטעפיאן, וויאלאנטשעל א. א. האבען זיך אנגעהויבען און דויערן ווייטער יעדען טאג פון 10—2 און 4—6.

די שילער נעמען אנטייל אין: שול-ארקעסטער, קאמעראל-מוזיק. טעאריע און סאלפעדזש — אומזיסט. — דער פראגראם איז שטרענג איינהייטליך ליט'ן ווארשאווער רעגירונג'ס-קאנסערוואטאריום. — די צייגנישען פון דער שולע זענען גילטיג אין אלע העכערע מוזיק-שולען.

די לעקציעס קומען פאר א גאנצען טאג. ביי דער שולע איז פאראן א ספעציעלע קלאס פאר אנפאנגער.

פאר זעהר בעגאבטע און טאלאנטפולע, אדער נישט-פערמעגליכע שילער — טיילווייזע הנחות.




די יום טוב'דיגע שטימונג!
ווערט דורך געשמאקפולע מאכלים נאך מעהר געהויבענער.
אמבעסטען געראטען די מאכלים, ווען מען געברויכט צ ע ר ע ס.

צעריס 100 %

קאקאס-פעטס ווערט פון אנהויב ביז'ן סוף אויסגעארבייט
אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון הרה"ג ר' שמחה
פרענקעל מסקאווינא און קען דעריבער געברויכט ווערען
צו אלערליי שפייזען אפילו
למהדרין מן המהדרין.




פערלאנגט אויסדריקליך נור
„צעריס" מיט א הכשר-
שטעמפעל און נעמט נישט אן
קיין מינדערווערטיגע, אינבע-
קאנטע פאבריקאטען.



אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דעם מיטגליד פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע
פון אונזער געזעלשאפט ה' אלתר יחיאל וואססער
צוליב'ן טויט פון זיינע
עלטערן נ. ע.
פערוואלטונג פון „לינת הצדק" אין קעלץ



דעם פערוואלטונג'ס-מיטגליד ה' שמואל בלומענפעלד
צוליב'ן טויט פון זיין
קינד
דריקט אויס מיטגעפיהל
די פערוואלטונג פון „לינת הצדק" אין קעלץ



## OGŁOSZENIE.

Podaje się do wiadomości Sz. P., że
Biuro Próśb i Podań pod firmą

# „EXPRES"

**przy ul. ŻEROMSKIEGO 27**
(w lokalu Powszechnego Banku Spółdz.)
z dniem 15 Sierpnia r. b. wznawia swą działalność
pod kierownictwem wybitnych fachowców.

BIURO ZAŁATWIAĆ BĘDZIE:

**Redagowanie próśb do wszystkich władz państwowych i komunalnych.**
**Sprawy paszportowe i mieszkaniowe; umowy i kontrakty**
**Windykacja należności.**
**Przepisywanie na maszynie.**

Biuro czynne od godziny 9—3 i od 4—7.
**Załatwia się punktualnie, solidnie i tanio.**



Teatr ROZMAITOŚCI w Radomiu

**Tylko 3 Występy** Artystów Operetki Rosyjskiej
p. Dyrekcją i Reżyserją p. **Andrejewa Strelskiego**

We wtorek 23 września **Operetka ludowa p. t.**
## Tabor cyganów rosyjskich
42 numeru śpiewu i tańca.

We środę 24 września wspaniała operetka KALMEMA
## Księżniczka CZARDASZKA

W czwartek 25 września — pełna humoru, wschodnia operetka
## Tajemnica Haremu

Bilety wcześniej do nabycia u Tomanka, Żeromskiego 40



אלערליי
אדוואלאניעס, קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס
און בכלל אלע געריכטס-עקזעקוציעס
ווערען דורכגעפיהרט שנעל און פאר נישט טייער. צו ווענדען זיך
דארא ראזענבערג ראדאם, רווינסקי 21.



Teatr Rozmaitości

**Niedziela, 21 września**
**Tylko jeden występ najznakomitszych artystów stolicy**
**Z tajemnicy starego rodu L O P E K**
## Kazimierz Krukowski
*Ludmiła Miłowska, Irena Derlicz K. Fiszman*
W programie najnowsze przeboje z rewji.
Szczegóły w programach **Początek o godz. 8.30 wieczorem**
Bilety wcześniej nabywać można u p. TOMANKA



*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*
Dziś i dn. następnych
## NOCE w PUSTYNIACH
w roli głównej: John Gilbert.



*Kino-Teatr Nowe-Czary*
Od poniedziałku 15 września
**Ronald Colman i Vilma Banky**
w filmie
## NOC MIŁOŚCI
HARRY PEEL w filmie *Jeździec bez głowy*



*Kino ODEON Teatr*
Od poniedziałku 15 Września r. b.
Świetny film morski
## Zew Morza
— w rolach głównych: —
**Marja Malicka i Jerzy Marr**



*Kino CORSO Teatr*
Dziś i dni następnych
## KAT z PRAGI
W roli głównej **Gustaw Fristeński**
Na scenie: rewja


**Redaktor Ch. M. Herc** **Drukarnia „Wyd. „Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 9.**